# מיט א טיפערן בליק

## פרשת משפטים תשפ"ה

# ביז עס קומט צו געלט!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

נאך די הייליגע און דערהויבענע מעמד הר סיני וואס מיר האבן געלערנט אין די פריערדיגע פרשה, גייען מיר אצינד אריבער צו פרשת משפטים, די פרשה פון דיני ממונות אין וועלכע די תורה הקדושה לערנט אונז אויס די וועגן און דינים וויאזוי א איד דארף זיך פירן מיט געלט זאכן, נזיקין, גניבה, שמירה, נישט זאגן ליגענט, און נאך פילע אנדערע הנהגות וואס זענען נוגע בין אדם לחבירו.

עס איז אודאי פאראן א שטארקע קשר און שייכות צווישן מתן תורה און דיני ממונות, וויבאלד די תורה הקדושה האט געפילט פאר וויכטיג אנצוהייבן תיכף ומיד מיט די דינים און נישט עפעס אנדערש. ווי מיר באמערקן טאקע אז די פרשה פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם - און דאס זענען די דינים וואס דו משה רבינו זאלסט פאָרלייגן פאר כלל ישראל", און **רש"י** ברענגט דעם כלל אז איבעראל וואו עס שטייט "וְאֵלֶּה" מיט א ו' פון אנהייב, איז דאס 'מוסיף על הראשונים' א המשך פון דאס וואס מ'האט געלערנט פריער, און ס'קומט אונז טאקע לאזן הערן "מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני" אז די אלע דיני ממונות האט השי"ת אויך איבערגעגעבן פאר כלל ישראל ביים בארג סיני, פונקט ווי די עשרת הדברות.

דארף מען פארשטיין, וואס איז טאקע די קשר און שייכות צווישן די צוויי ענינים, פארוואס לערנען מיר דאס די ערשטע זאך נאך מתן תורה, מיט די הדגשה אז ס'איז געגעבן געווארן מסיני.

נאך לאמיר זיך מתבונן זיין אין די דינים פון א עבד עברי - א אידישע קנעכט וואס בית דין האט איהם פארקויפט צוליב דעם וואס ער האט גע'גנב'עט געלט און נישט געהאט צו באצאלן, אדער אויב א איד פארקויפט זיך אליינס צוליב דעם וואס ער האט נישט קיין פרנסה און ער איז געצוואונגען צו ווערן אן עבד ביי יענעם, וואס די דינים ווערן דערמאנט באלד אין אנהייב פון אונזער פרשה.

די תורה זאגט, ווען א איד קויפט א עבד עברי איז דער דין "שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם" די ערשטע זעקס יאר דארף ער ארבעטן, און אינעם זיבעטן יאר קומט זיין צייט ארויסצוגיין פריי, דאס הייסט אז א אידישע קנעכט ארבעט נישט מער ווי זעקס יאר. אויסער אויב דער עבד וויל נישט גיין, נאר ער וועט זאגן "אָהַבְתִּי אֶת אֲדֹנִי אֶת אִשְׁתִּי וְאֶת בָּנָי לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי" איך האב ליב מיין האַר, מיין ווייב, און מיינע קינדער און איך וויל נישט ארויסגיין פריי, דעמאלטס דארף מען איהם טראגן אין בית-דין אריין וואו מען בויערט איהם א לאָך אינעם אויער נעבן די טיר, און דערנאך בלייבט ער ווייטער א עבד ביז יובל.

**רש"י** ברענגט וואס די גמרא זאגט אין **מסכת קידושין** (דף כ"ב:) די כוונה פארוואס מען בויערט איהם דעם אויער, ווייל די אויערן האבן געהערט ביים בארג סיני די איסור פון לא תגנוב און דאָך איז דער מענטש געגאנגען גנב'ענען וואס דאס האט גורם געווען אז ער זאל ווערן א קנעכט, דעריבער דארף מען איהם בויערן דעם אויער. און אויב איז ער א מוכר עצמו וואס האט זיך אליינס פארקויפט זייענדיג געדרוקט אין געלט, דארף מען איהם בויערן דעם אויער צוליב דעם וואס ער דערהערט נישט דעם רוף פון השי"ת וואס האט אונז געזאגט אין מצרים **"כי לי בני ישראל עבדים"** אז מיר זענען עבדי השי"ת און נישט קנעכט פון א בשר ודם.

לאמיר זיך אביסל פארטיפן פארוואס האט די תורה הקדושה אויסגעוועלט אנצוהייבן דוקא מיט'ן ענין פון עבד עברי?, און בכלל, וואס איז די טענה וואס מ'האט אויפן עבד אז ער דערהערט נישט דעם רוף פון "כי לי בני ישראל עבדים"? מ'רעדט דאָך דא פון א מענטש וואס האט ליידער נישט מצליח געווען אין לעבן, ער איז געווען אזוי אָרים און אפגעריסן אז ער האט זיך פשוט געמוזט פארקויפן פאר א צווייטן כדי צו קענען לעבן, און יעצט גייט איהם דא גוט, ער האט א פיינע בעל הבית וואס שטעלט איהם צו פון אלעם גוטן ווי די **גמרא** זאגט דארט אין **מסכת קידושין** (דף כ"ב.) אז דער האַר טאר נישט געבן פארן עבד שוואכערע עסן אדער טרינקן ווי פאר זיך אליינס, אזוי אויך אויב ס'איז נאר פאראן איין גוטע קושן אדער מאטראץ, באקומט עס דער עבד, ווייל דער האַר טאר נישט האבן בעסער ווי איהם, [די גמרא פירט אויס "מכאן אמרו כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו", ווען מ'קויפט א אידישע קנעכט איז דאס כאילו מ'האט זיך איינגעקויפט א בעל הבית אויפן קאפ].על כל פנים, דא לעבט דער עבד עברי א גוטן טאג, ער האט אלע זיינע געברויכן, אפילו א ווייב מיט קינדער, און דערפאר וויל ער נישט ארויסגיין. צוריקצוגיין צו זיין אלטן לעבנסשטייגער איז זייער שווער, כמעט אוממעגליך. אפשר וואלטן מיר איהם אפילו געדארפט דן זיין לכף זכות אז ער האט מורא צוריקצוגיין צו זיין אלטע ארימקייט און נויט כדי ער זאל נישט אדורכפאלן און נכשל ווערן אין גניבה וגזילה ח"ו, דעריבער וועלט ער אויס צו פארבלייבן אן עבד, ווייל דא איז ער ווי פארזיכערט. אויב אזוי וואס איז די גרויסע טענה קעגן איהם, און פארוואס דארף מען איהם לעכערן דעם אויער?

**די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון האנדלען ערליך**

כדאי צו פארשטיין דעם ענין, איז כדאי זיך אפצושטעלן אביסל אויף די וויכטיגקייט פון זיין נזהר אין דיני ממונות, פון האנדלען ערליך און יושר'דיג, ווי חז"ל זאגן אונז אז די ערשטע שאלה וואס מ'גייט פרעגן פון א איד אויפן עולם העליון איז "נשאת ונתת באמונה?" אויב האט ער געהאנדלט ערליך און געווען נזהר אין יענעמ'ס געלט.

ווי באקאנט האבן **בעלי מוסר** פיל מאריך געווען אין דעם ענין, אז ליידער איז פאראן א געוויסע זלזול ביי מענטשן ווען ס'קומט צו יענעמ'ס געלט. אפילו אזעלכע מענטשן וואס זענען מדקדק בקלה כבחמורה לגבי אנדערע

מצוות און דינים, און פראבירן מהדר זיין די מערסטע וואס איז שייך, אבער ווען ס'קומט צו דיני ממונות הערשט א לייכטזיניגקייט, דער מענטש זעהט זיך אלעמאל גערעכט און האלט אז ס'קומט זיך איהם דאס געלט. אפילו דארט וואו ס'זענען דא ספיקות און צדדים לכאן ולכאן, פרעגט ער נישט קיין שאלה ביים דַיין אזוויי ער וואלט געטוהן אויב ס'וואלט זיך געהאנדלט פון הלכות בשר בחלב אדער הלכות שבת, נאר ער פסק'נט זיך אליינס אפ און איז זיך מורה היתר צו נעמען געלט וואס קען זיין קומט זיך איהם נישט ערליך ח"ו.

אדער ווען ס'קומט צו טוהן פארשידענע זאכן וואס זענען נישט אזוי אויסגעהאלטן, אדער צו 'דרייען' מיט פארשידענע דריידלעך און שפיצלעך, און דער מענטש קען נישט ביישטיין דעם נסיון און ער טוט זאכן וואס זענען ווייטער פון כשר. ווי עס שטייט טאקע אין אונזער סדרה צווישן אנדערע די איסור פון זאגן ליגנט, מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק, אויף וועלכע ס'ווערט געברענגט א רמז, די אותיות שקר זענען דריי אותיות וואס זענען איינס נעבן די אנדערע אין די סדר האותיות, וואס זייער ריכטיגער סדר איז ק' ר' ש' אבער וויבאלד דער ליגנער 'פאדרייט' יעדע זאך און איז מְשַׁנֶּה פונעם אמת, דערפאר איז די סדר האותיות אויך נשתנה געווארן צו ש' ק' ר'.

די וועלט דערציילט א ווערטל, ס'איז אמאל געווען א איד וואס האט געהאט א געשעפט אינעם מארק, און ס'איז געשטאנען אינדרויסן אויפן שילד אז אלע פראדוקטן וואס ער פארקויפט זענען כשר למהדרין. ווען דער רב פון שטעטל איז אמאל געקומען באזוכן אינעם געשעפט כדי צו געבן זיין השגחה, האט דער רב באמערקט אז די וואָגשאָל שטייט נישט גראד, און דורכדעם נאַרט דער מוכר אויס זיינע קונדן, ווייל עס קוקט אויס ווי די סחורה וועגט אראפ מער ווי עס וועגט באמת. האט איהם דער רב מעורר געווען אז דאס איז נישט קיין כשר'ע וואָג. דער סוחר איז געווען יענער חברה'מאן, רופט ער זיך אָן, "רבי, עס שטייט נאר אז דאס וואס איך פארקויף איז כשר, דער וואגשאל שטייט נישט אויף צום פארקויפן און דעריבער מוז עס נישט זיין אזוי כשר". האט איהם דער רב געזאגט מיט א שארפקייט, "א געשעפט אין וועלכע מ'האנדלט נישט ערליך איז גארנישט כשר!" יעדע זאך וואס גייט אדורך אזא וואגשאל איז ממש טריפה, וויבאלד עס איז איין שטיק גניבה וגזילה...

### 'לעבן' די תורה דורך האנדלען ערליך

דער אמת איז אבער, אז דאס לעבן מיט יושר און ערליכקייט און זיין נזהר אין דיני ממונות, איז פון די סאמע וויכטיגסטע זאכן פון א איד, ווי מיר האבן פריער דערמאנט אז דאס איז פון די הויפט זאכן וואס מ'פרעגט אין בית דין של מעלה "נשאת ונתת באמונה". און באמת דאס איז דאָך די תכלית פון לימוד התורה, ללמוד על מנת לעשות, מען דארף לערנען און קענען די דינים כדי עס מקיים צו זיין און אויספירן למעשה. עס איז נישט פאראן מער "על מנת לעשות" ווי דעם, דאס איז דאָך די מציאות פונעם מענטש רוב פונעם טאג, ער איז עוסק אין האנדל און וואנדל, ער איז פארנומען מיט געלט צו קויפן און פארקויפן, צו ברענגן פרנסה, און דעמאלטס 'לעבט מען די תורה' ווען מ'האלט איין די אלע דינים און הלכות וואס השי"ת האט אונז באפוילן.

עס איז טאקע דא די חלק פון לימוד התורה, ווען מ'זיצט אין בית המדרש על התורה ועל העבודה ממש ווי ביים בארג סיני, מ'לערנט עס און מ'הארעוועט דערין. אבער דערנאך קומט די חלק המעשה, די קיום התורה, ווען מען פירט עס אויס און מ'איז עס מקיים במציאות דורכאויס אלע שעות פון טאג.

און דאס איז די רמז פון דיני ממונות באלד נאך מתן תורה, **"מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני" ווייל דאס איז די גאנצע תכלית און המשך פון מתן תורה!** די תורה הקדושה וויל אונז ארויסברענגען די חשיבות און וויכטיגקייט פון זהירות אין דיני ממונות, ווייל דאס איז די אויספיר פון קבלת התורה, מיט דעם איז מען ממשיך דעם "כי הם חיינו" אויך אינעם עולם העשייה, בשעת מ'איז עוסק אין געשעפטן און מ'האנדלט מיט מענטשן

### אנהאלטן די 'קביעות' אין תורה

אגב, עס איז באקאנט די קשיא וואס **תוספות** פרעגט אין מסכת קידושין (דף מ:), אז אין **מסכת שבת** שטייט אז די ערשטע שאלה וואס מ'וועט פרעגן פון די נשמה אויף יענער וועלט איז "נָשָׂאתָ וְנָתַתָּ בֶּאֱמוּנָה" אויב מ'האט געהאנדלט ערליך, און אין **מסכת קידושין** זאגן חז"ל אז די ערשטע שאלה וועט זיין "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה" אויב מ'האט באשטימט צייט צו לערנען די תורה.

אין ספה"ק **ישמח ישראל** (לחג השבועות אות ד') ברענגט ער בשם זיין טאטע **הרה"ק רבי יחיאל מאלכסנדר זי"ע** צו פארענטפערן די סתירה, לויט ווי מיר געפונען אין הלכות סעודה, אז אויב א מענטש איז 'קוֹבֵעַ סְעוּדָה' ער וואשט זיך אויף ברויט און ער עסט א סעודת קבע (נישט בלויז טועם זיין אויף א אופן פון עראי) אפילו אויב ער גייט אינמיטן ארויס אינדרויסן און דערנאך קומט ער צוריק, מעג ער ווייטער עסן און ער דארף נישט מאכן א נייע ברכה, ווייל עס הייסט אז "ער גייט צוריק צו זיין פריערדיגע קביעות" און ער איז ממשיך דאס וואס ער האט פריער געהאלטן אינמיטן. אויסער ווען מ'איז שוין מסיח דעת פונעם עסן און מ'האט שוין געזאגט אז מ'גייט בענטשן [למשל ווען מ'וואשט זיך מים אחרונים] דעמאלטס איז א מענטש 'עוֹקֵר' זיין קביעות, ווייל ער ווייזט אז ער וויל שוין נישט ממשיך זיין מיט די סעודה. פון יעצט און ווייטער האט זיך די סעודה איבערגעהאקט, און אויב וויל ער ווייטער ממשיך זיין צו עסן, וועט ער שוין יא דארפן מאכן א נייע ברכה ראשונה.

דאס זעלבע איז מיט א איד, ער דארף קובע זיין עתים לתורה אנהייב טאג, און שפעטער אז ער גייט ארויס האנדלען אין מאַרק אבער ער פירט זיך ערליך ביי זיין משא ומתן, און ער האלט איין אלע דינים פון די תורה אויך אויף די גאס, אזא איינער איז נישט עוֹקֵר זיין קביעות פון תורה, נאר ער איז ווייטער ממשיך מיט זיין קביעות עתים אפילו אינדרויסן אויפן מארק (אזוויי ביי א סעודה), זיין גאנצע הָלוֹךְ יֵלֵךְ דורכ'ן טאג איז איין שטיק תורה, ער לעבט די דיני התורה און איז זיי מקיים, ווילאנג ער איז חלילה נישט עובר

אויף די זאכן וואס שטייען אין די תורה וואס מיט דעם ווייזט מען אז מען האַקט חלילה אפ און מ'איז מפסיק די קביעות פונעם לערנען.

קומט אויס אז ביידע שאלות זענען באמת די זעלבע, די "נשאת ונתת באמונה" איז ממש איינס מיט'ן "קבעת עתים לתורה", ווייל דער וואס האנדלט ערליך, דער איז ממשיך שטענדיג זיין שייכות מיט די תורה און ער האקט עס נישט אפ.

### די שענסטע פרדס וואס השי״ת פארמאגט

אז מיר דערהערן דעם יסוד, אז מקיים זיין די דיני ממונות און ענינים בין אדם לחבירו איז ממש די קיום התורה בפועל, מיט דעם לעבט דער איד מיט די תורה הקדושה דורכאויס זיין גאנצע טאג, וואך, חודש, און יאר. ווי לעבעדיג ווערט צו פארשטיין מיט דעם די ווערטער פון חכמינו ז"ל אין **מדרש** (דברים רבה ה' ז') "למה הדבר דומה, למלך שהיו לו בנים הרבה והיה אוהב את הקטן יותר מכולן, והיה לו פרדס אחד והיה אוהבו יותר מכל מה שהיה לו, אמר המלך נותן אני את הפרדס הזה שאני אוהבו מכל מה שיש לי לבני הקטן שאני אוהבו מכל בָּנַי. כך אמר הקב"ה מכל האומות שבראתי איני אוהב אלא לישראל שנאמר (הושע י"א) כִּי נַעַר יִשְׂרָאֵל וָאֹהֲבֵהוּ, מכל מה שבראתי איני אוהב אלא את הדין שנאמר (ישעי' ס"א) כי אני ה' אוהב משפט, אמר הקב"ה נותן אני מה שאהבתי לעם שאני אוהב".

די מדרש דערציילט א משל, ס'איז אמאל געווען א קעניג וואס האט געהאט אסאך קינדער, אבער זיין קלענסטער זוהן האט ער די מערסטע ליב געהאט, אזוי אויך האט ער פארמאגט פילע פעלדער און פארמעגן, אבער איין פרדס (א פעלד אין וועלכע ס'וואקסן פרוכט ביימער) האט ער אויך מער ליב געהאט איבער אלע אנדערע זאכן וואס ער האט געהאט. האט דער מלך געזאגט "אט דעם פרדס וואס איך האב די מערסטע ליב, דאס וועל איך געבן פארן קינד וואס איך האב די מערסטע ליב!". די זעלבע זאגט די מדרש, כלל ישראל ווערט אנגערופן אין פסוק 'נער' ווי א יונג קינד וואס דער טאטע האט ליב, און טאקע פאר אונז האט השי"ת געגעבן דאס מערסטע באליבטע זאך, **"מכל מה שבראתי איני אוהב אלא את הדין" דער ענין פון דינים און גערעכטיגקייט, דאס האט השי"ת מער ליב פון אלעם,** און דערפאר שענקט ער עס אונז זיין באליבטע פאלק.

אזוי אויך איז באקאנט די לשון הגמרא (בבא קמא ל.) "הַאי מַאן דְּבָעֵי לְמֶהֱוֵי חֲסִידָא לְקַיֵּם מִילֵּי דִּנְזִיקִין" איינער וואס וויל זיין א חסיד, וואס אין לשון פון חז"ל איז דאס גאר א גרויסע מדריגה - נאך מער פון א צדיק, זאל ער איינהאלטן און מקפיד זיין אויף אלע עניני נזיקין, נישט צו מאכן קיין שאדן פאר אנדערע און באצאלן אויב מ'האט איינעם מזיק געווען.

פרעגט זיך די פראגע, מה כל הרעש? וואס איז די גרויסע עֵסֶק וואס מען מאכט פון דיני ממונות? אויף אזוי ווייט אז דער מדרש איז מֵעִיד "מכל מה שבראתי איני אוהב אלא את הדין" דאס האט השי"ת די מערסטע ליב.

נאר לויט ווי מיר לערנען דא איז דאס די גאנצע תכלית פון לימוד התורה, דאס איז די אויספיר פון וואס מיר לערנען, לשמור לעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך. דאס איז די תורה'דיגע הנהגה פון א איד דורך וואס וואס ער קען לעבן די תורה און דאס איינהאלטן בפועל ממש אויף טריט און שריט! דאס איז די שענסטע פרדס וואס דער באשעפער פארמאגט אין זיין וועלט, דאס זענען די שענסטע ביימער, גראזן, און פירות, וואס בליען ארויס פון די תורה און נעמען ארום דעם איד ביי אלע זיינע הנהגות בין אדם לחבירו.

### א לעבן פון אמונה ובטחון ממש ווי א פרדס

אביסל טיפער גערעדט, קען מען דא צולייגן נאך א דערהער וואס איז נכלל אינעם ערשטן. ווען א איד לעבט מיט'ן באשעפער, ער ווייסט און געדענקט אז דער רבוש"ע איז דער זן ומפרנס לכל, אלעס וואס ער האט און פארמאגט איז באשערט פון אויבן, און יעדע ברעקל וואס דארף אנקומען צו איהם וועט אנקומען, דאן לעבט ער תורה'דיג, ער פארשטייט מקפיד צו זיין אויף יענעמ'ס געלט און היט זיך אפ פון יעדע ברעקל גניבה וגזילה, ווייל ער ווייסט אז מען נעמט זיך גארנישט אליינס, און אומ'יושר'דיגע השתדלות אדער גניבה שטיקלעך וועלן איהם נישט רייך מאכן.

דאס איז די ערשטע יסוד וואס א איד דארף געדענקן אלעמאל, אז דער אייבישטער פירט די וועלט און ער וועט איהם צושטעלן אלעס וואס ער דארף בדרך היתר, און ס'איז נישט דא קיין שום סיבה צו נעמען עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן.

טאקע דערפאר ווען עס קומט צו די חשיבות פון דיני ממונות, נוצט דער מדרש א משל פון א פרדס, א שיינע גארטן מיט ביימער און פירות, ווייל ווען א איד לעבט מיט א העכערע בליק, ער לעבט א לעבן פון אמונה ובטחון און ער איז נזהר אין אלע דינים ומשפטים ווי עס דארף צו זיין, איז זיין לעבן באמת א פרדס, ער לעבט ווי אין גן עדן! ער שפאצירט אין א גארטן פון פרישע לופט מיט די שענסטע ביימער און פרוכטן ארום זיך, ער איז ארומגענומען מיט שלוה און שמחה, ווייל ער ווייסט אז ער געפונט זיך אין גוטע הענט, און עס פעלט נישט אויס צו נעמען דאס וואס געהערט נישט צו איהם הונדערט פראצענט.

### דער עבד עברי פארגעסט אז השי״ת איז דער זן ומפרנס

דערמיט קומען מיר צוריק צו די פרשה פון עבד עברי, אין וועלכע מיר האבן געפרעגט וואס איז די גרויסע עוולה פונעם עבד אז ער וויל נישט ארויסגיין לחירות און וויל ווייטער פארבלייבן אן עבד? ער קומט דאָך פון א מצב פון ארימקייט און שפלות, פארוואס זאל ער בכלל וועלן צוריקגיין דערצו? פארוואס קומט זיך אז מ'זאל איהם בויערן דעם אויער?

נאר לויט ווי מיר דערהערן אז א איד דארף לעבן מיט'ן אייבישטער און וויסן און געדענקן אלעמאל אז השי"ת וועט איהם צושטעלן אלעס וואס ער דארף. אט דאס איז די עוולה פונעם עבד עברי! בפרט א עבד עברי וואס האט גע'גנב'עט פון אנדערע, ער האט געהאלטן אז נאר אזוי וועט ער אנקומען צו

זיין פרנסה דורך גניבה וגזילה און שווינדלעריי, ער האט פארגעסן פונעם אב הרחמן וואס איז דער מֵכין מזון לכל בריותיו, און ער האט עובר געווען אויף די דיני התורה כדי זיך צו שפייזן. און דאס זעלבע מיט א עבד וואס האט זיך פארקויפט צוליב זיין ענגשאפט, ער האט נישט געהאט קיין פרנסה, דעריבער האט ער געשפירט אז ער האט נישט קיין אנדערע אויסוועג נאר ער מוז זיך פארקויפן צו א בשר ודם כדי צו קענען ווייטער לעבן. און אפילו יעצט ווען ס'קומט א געלעגנהייט ארויסצוגיין לחירות און זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס, שרייט ער אז ס'איז איהם בעסער דא און ער וויל בלייבן, ווייל ער מיינט אז נאר דא איז ער 'פארזיכערט' מיט פרנסה, און ערגעץ אנדערש נישט ח"ו. אזא איינעם דארף מען בויערן דעם אויער, ווייל ער דערהערט נישט די טיפקייט און די פנימיות פונעם געטליכן רוף וואס השי"ת האט אויסגערופן אין מצרים "כי לי בני ישראל עבדים" אז מיר זענען זיינע קנעכט!

**"פונקט ווי א עבד ווערט געשפייזט דורך זיין בעל הבית, דער האַר נעמט אחריות אויף איהם און מאכט זיכער אז ער זאל האבן אלעס וואס ער דארף, די זעלבע זענען אידישע קינדער צום אייבישטער, מיר זענען עבדי השי"ת, און ער שטעלט אונז צו אלע אונזערע באדערפענישן".**

דאס קען זיין די סיבה פארוואס די תורה הקדושה איז מקדים און הייבט אָן די פרשה פון דיני ממונות מיט די סדר און דינים פון א עבד עברי, אונז צו לאזן הערן די נקודה, מיר זענען קנעכט פונעם אייבישטער, כי לי בני ישראל עבדים, און אויב מיר ווילן דאס דערהערן און געדענקן וועט אונז דאס העלפן מקיים זיין און אויספירן די אלע אנדערע דינים ומשפטים וואס ווערן דערמאנט ווייטער. ווייל מיר ווילן וויסן אלעמאל אז ס'איז דא איינער וואס זארגט פאר אונז און שטעלט אונז צו אלע אונזערע באדערפענישן בדרך היתר, און ס'איז נישט דא קיין סיבה צו גנב'ענען, אויספּאַפּן, אדער זאגן ליגענט וכדומה. און דער וואס דערהערט עס נישט, נאר ער מיינט אז ער דארף זיין אן עבד ביים שכן כדי צו האבן פרנסה, איהם דארף מען לעכערן דעם אויער, ווייל ער לעבט נישט ווי א איד דארף לעבן, און ער דערהערט נישט וואס א איד דארף דערהערן.

### ויאמר לי 'עבדי' אתה ישראל אשר בך אתפאר

ווי פאסיג איז מסיים צו זיין מיט די ווערטער פונעם **רמב"ם** אין **הלכות דעות** (פרק ה' הלכה י"ג) וואו ער רעכנט אויס די סדר און התנהגות פון א תלמיד חכם. לערנט אונז דער הייליגער רמב"ם ווי פאלגענד: "משאו ומתנו של תלמיד חכם באמת ובאמונה, אומר על לאו לאו ועל הן הן, מדקדק על עצמו בחשבון, ונותן ומוותר לאחרים כשיקח מהן ולא ידקדק עליהן, ונותן דמי המקח לאלתר... ואם נתחייבו לו אחרים בדין מאריך ומוחל להן, ומלוה וחונן, ולא ירד לתוך אומנות חבירו, ולא יצר לאדם לעולם בחייו... ואדם שעושה כל המעשים האלו וכיוצא בהן עליו הכתוב אומר ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר".

די וועג וויאזוי א תלמיד חכם האנדלט, איז דורך משא ומתן מיט אמת און באגלייבטקייט, ער זאגט דעם אמת, זיין ניין איז א ניין און זיין יא איז א יא. ווען עס קומט צו זיך איז ער מדקדק מיט א פונקטליכע חשבון און איז מקפיד נישט צו נעמען מער ווי ס'קומט זיך איהם, אבער מיט יענעם איז ער נישט אזוי מקפיד נאר ער איז מוותר און מוחל. ווען ער קויפט עפעס באצאלט ער תיכף און ער שלעפט נישט ארום (ווי די גמרא זאגט אין מסכת יומא דף פ"ו. אז דאס קען אריינגיין בגדר חילול השם ח"ו), און ווען יענער איז איהם מחוייב צו באצאלן געלט דעמאלטס קען ער יא באשטיין צו וואַרטן אדער מוחל זיין. ווי אויך פאַרבאַרגט ער פון זיין געלט און שענקט פאר אנדערע, ער שטייט נישט אין וועג פאר יענעמ'ס פרנסה דורכ'ן עפענען דעם זעלבן סארט געשעפט ווי יענעם וכדומה, און ער טשעפעט נישט קיין צווייטן קיינמאל אין לעבן... און דער רמב"ם פירט אויס אז דער וואס טוט די אלע מעשים אויף איהם איז געזאגט געווארן דער פסוק (ישעי' מ"ט) וַיֹּאמֶר לִי **עַבְדִּי אָתָּה** יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר!

השי"ת רופט אָן אזא איד מיט'ן נאמען "עבדי" דו ביסט מיין קנעכט, ווייל אט דאס איז דער מושג פון זיין א עבד ביים אייבישטער. ווען א איד לעבט מיט די ידיעה אז אלעס קומט פון הקב"ה און דעריבער איז נישט דא קיין שום סיבה צו גנב'ענען אדער אוועקנעמען פון א צווייטן, אדער מקפיד זיין אויף א צווייטן, וכדומה, ווייל וויפיל ס'איז באשערט פון אויבן אזויפיל וועט מען סייווי האבן.

דאס דארפן מיר ארויסנעמען א מוסר השכל פון אונזער פרשה, צו זיין נזהר אין כשר'ע געלט, חלילה נישט מזיק זיין אדער צונעמען פון אנדערע, נאר איינהאלטן אלע משפטים און דינים מיט גרויס זהירות און הידור, און געדענקן אז דאס איז די עיקר תכלית און ציל פון מתן תורה. דאס איז די וועג וויאזוי מען איז ממשיך די קביעות עתים פון בית המדרש אויך אינדרויסן אויפן גאס, דאס איז דער לומד על מנת לעשות. און וויסן אז אויב מען איז א עבד ה' דאן באקומט מען אלעס פון גרויסן האַר, דער אדון הכל און מלך מלכי המלכים וואס פארזארגט אונז און שפייזט אונז פון זיין גרויסע און ברייטע האנט, כִּי אִם לְיָדְךָ הַמְּלֵאָה הַפְּתוּחָה הַקְּדוֹשָׁה וְהָרְחָבָה.

לסיכום געדענק:

- די גרויסע זהירות וואס מ'דארף האבן לגבי דיני ממונות, ווי חז"ל זאגן די ערשטע שאלה וואס מ'גייט פרעגן אויף יענער וועלט איז "נשאת ונתת באמונה?"
- ווען מ'האלט אין אלע דינים און הלכות בשעת מ'איז פארנומען מיט געלט און ברענגן פרנסה, דאס איז די גרעסטע "על מנת לעשות" און דעמאלטס 'לעבט מען די תורה'.
- ווען א איד לעבט העכער, מיט אמונה ובטחון, און דורכדעם איז ער טאקע נזהר אין אלע דינים ומשפטים, איז זיין לעבן ווי א פרדס, ממש ווי אין גן עדן פיל מיט שלוה און שמחה.

# א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com